STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03605

VINTER-BLUMEN

David Goldstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד גאָלדשטיין

ווינטער-בלומען

1663

ניו יאָרק, 1916.

אינהאַלט:

פארגעסענע טרוימען 11
אין געיעג נאָך גליק 12
אַ זומער לאַנג האָב איך גע־ליעבט 14
חלומות פארגעסענע 15
אַ בוקעט פאר דיר 16
רייזע בילדער 17
אָפען רעד איך 20
נעהנטער מיין טהייערע . . . 21
ווידער קומט דאָס אַלט גליק 22
איך האָב געזעהן איהר אויפ׳ן וואָהר 23
אין מאָרגען טרוים 24
זונען ליעדער 25
לעבען 27
ליעבען קען מען דאָך ניט אייביג 28
דער געצען־דיענער 29
דערמאָן איך די טעג פון מיין יוגענד 30
אבענד ליעדער 31
איז ליעבסטע דאָס דיין וואָרט? 33
שמשון אין טעמפעל פון עזה 34
ווי האָסטו ניט מיין הארץ געשוינט? 36
דו וויסט 37
יענער טאָג 38
איך מאָן ניט מעהר 39
זעהסטו ווען? 40
אַ זינד 41
מכשפות 42
אָראָפּגענידערט 44
כ׳האָב מעהר קיין פערלאַנגען 45
ס׳לעב ניט מעהר די יוגענד לוסט 46
אָבגעזעגענט 47
אַליין 49
דער מיעדער וואַנדערער . . . 50
אין יאָהרען פון טרויער . . . 51
נאָך מיינע חלומות 52
צו אַ פריינד 53
צו דער וויסטע וויל איך קעה־רען 55
איך האָב נאָך אַ טרעהר 56
אַ נאַכט ביים ים 57
אין שטורעם אויפ׳ן ים . . . 59
לאַנג געזוכטער חלום מיינער . 60
איך האָב ביינאַכט אין ווינט געוויינט 61
איך האָב צום ים גערעדט . . 62
צום תהום 63
צו מיר געהערט דער טריבער טאָג 64
איוב 65

דער סנה 66
דער ניט גוטער 67
אין טעמפעל 68
פאַר מיין פאָלק 69
עס וויינט אין מיר דער איד 71
חרוב 72
נעהנטער גאָט... 73
פאר מיין גייסט 74
אַ פערשפעטיגטע תפלה . . . 75
די לעצטע תפלה 76
שטראף מיך ניט 77
איך זינג מיט אייך אַ לויב . . 78
אַ ווינטער בלום 79
נאַכט געזאנגען 81
צו אַ פערוועלקטע בלום 82
פערבוינקט 83
יאָהרען פערגעסענע 84
וואו דער פויגעל פליהט . . . 85
דער פערבלאָנדזשעטער פויגעל 86
דורך אַ פעלד פון קאָרן זאנגען 87
אַ תפלה וואָס איז דערהערט
געוואָרען 88
מיין לעצטער גאָט 89
מענש אָדער חיה 90
די רעוואָלוציאָן 92
אין סטרייק 95
הונגער 96
דער געפאנגענער פאנגער . . . 97
דאָס פערשנעעטע דאָרף 100
ווען די טויטע פעלקער ער־
וואַכען 102
איך בין דער זון פון אַלטען
פאָלק 107
זייט געזונד 110

פאָרוואָרט

אלע דיכטונג איז דער אויסדרוק פון דעם דיכטער'ס דורכלעבען אין די טיעפענים פון זיין געמיט. דער לעבען פון דרויסען שטראָמט פארביי דעם מענשען, רייסט איהם אמאָל מיט זיך און לאָזט איהם אמאָל ליגען אָן א זייט. צייטענווייז שאפט דער לעבען א הילכיגען לאכען און א זינגענדע פרייד, און עפטערס ברענגט עס א שארפען שמערץ און א טיעפען וועה. די דרויסיגע ערשיינונג געהט פארביי, דער לאכען פערקלינגט, די וואונד ווערט פערוואקסען און אפילו דער טיעפער וועה קלינגט אויס ווי א שטארבענדער טאָן.

אין אזעלכע צייטען לעבט איבער דער געפיהלהאפטער מענש אין זיין געמיט א שטורעם פון געפיהלען, וועלכער ברויזט און קאָכט אין איהם און בערוהיגט זיך נור ביסלעכווייז, ביז עס קלינגט אויס אין א הארמאָניזירטען קלאנג פון פרייד און לייד. אין זיין ליעד זינגט עס דער דיכטער אויס. אזוי איז די דירעקטע אורזאכע פון דעם דיכטערישען שאפען דער פערזענליכער אויסדרוק פון דיכטער'ס דורכלעבען. אן אינערליכער צוואנג טרייבט דעם דיכטער זיינע געפיהלען הארמאָניש אויסצוזינגען. אויב ער דרוקט זיינע ליעדער פאר דער וועלט אדער ניט, האָט שוין צו טהאָן מיט זיין געזעלשאפטליכען אינסטינקט, מיט זיין וועלען געפעלען דער וועלט, מיט זיינע פערזענליכע אמביציעס. און אויב עס איז דעם דיכטער געלונגען צו געפינען די ריכטיגע ווערטער פאר זיין ליעד און די ריכטיגע פאָרם פאר זיינע ווערטער, אזוי אז מיר זאלען מיט איהם מיטפיהלען און אונזערע נשמות זאלען מיט אידם מיטזינגען, דא־

מאָלם האָט ער בעשאַפען א קונסטווערק און מיר וועלען האָבען נחת און פרייד פון זיין אויסגעלעזטען ווערק.

דרייסיג יאהר צוריק איז דוד גאָלדשטיין געקומען פון רוסלאַנד אין אמעריקא. עס איז געוועזען יענע צייט, ווען דער יונגער דור פון די פּערוואָגעלטע אידישע אימיגראַנטען האָט ענטדעקט די מענשהייט און האָט געגלויבט באמונה שלמה, מיט דעם ברען פון דער אידישער נייגונג צו משיח׳ס צייטען, אז די ערלעזונג פון דער מענשהייט שטעהט פאַר דער טהיר. דאָס אייגענע פאָלק איז געווע־זען ווייטער פון זיך ווי די גרויסע מענשהייט פון פרייע ברידער. קיין אידישע פאָלק איז אויך דאַמאָלס אין אמעריקא ניט געוועזען. לאַנגזאַם זיינען פון איינציגע בלאָנדזשענדיגע מענשען געוואָרען גרופּען; די גרופּען זיינען געוואַקסען אין מאַסען, און די מאַסען הויבען אָן ווערען א פאָלק: דער איינהייטליכער אָרגאַניש־פאַר־בונדענער אידישער פאָלק פון אמעריקא. אין יענע צייטען האָט גאָלדשטיין אנגעהויבען צו דיכטען, און די צייטען האָבען אויף איהם אַרויפגעלעגט זייער שטעמפּעל. אליין האָט ער זיך אויך געהוידעט אויף׳ן שאַקעל פון לעבען און דערפיהלט זיין הויבען זיך און זיין זינקען. אין זיין בעוועגטען לעבען האָט גאָלדשטיין פאַר זיך אין ווערטער געזוכט אויסצודריקען זיינע האָפנונגען און זיין וועה. פאַר דער וועלט איז ער ניט אַרויסגעטרעטען אַלס דיכטער און האָט צו איהר קיין טענות ניט געהאַט. פון צייט צו צייט פלעגט ער וואו ניט וואו אָבדרוקען א געדיכט; אַלס דיכטער האָט ער ניט פּאָ־זירט.

איצטער, ווען דער הערבסט האָט זיין האָר ווייס געפאַרבט, ווען די וועהמוט האָט די פערגאַנגענהייט מיט א בלאַסען גאָלד פאַר־פּוצט, פערגינט ער זיך אַרויסצוגעבען א טייל פון זיינע לידער, כדי

אויך זיינע נאָטען זאָלען מיטהילכען אין דעם וואקסענדען כאַראַל פון דער אידיש־אמעריקאנישער דיכטונג.

גאָלדשטיינ'ס דיכטונג איז א פּראָדוקט פון אמעריקאנער־אידי־שער אימיגראציע, און דער געניטער לעזער וועט אין איהר דערקע־נען די פערשיעדענע עפּאָכען און ענדערונגען, וואס זיינען פאָרגעקו־מען. די ליעדער זיינען דיכטעריש ערלעבטע. די ווערטער און פאָרמען זיינען פון די צייטען בעאיינפלוסטע און דורך אלע קלאַנ־גען הערט זיך ארויס דאס געבעט פון א ווארעמע מענשליכע הארץ.

לעאָן ס. מאָיסעיעף.

מ אָ ט אָ :

מיין פעדער איז אַלט און פערזשאַווערט,
זי ליעגט שוין כמעט ווי צובראָכען;
איך האָב מיך מיט גדולים גע'חבר'ט
און בין נאָך ביז היינט ניט דערקראָכען.

פערגעסענע טרוימען

בעלויכט איצט דעם וועג, דו פלאַם פון מיין זעעלע,
און ווייז מיר די טרוימען, די ליכטיגע, העלע,
ווי איך פלעג זיי טרוימען אמאָל,
נאָך איידער פון מיר איז מיין יוגענד פערגאַנגען,
נאָך איידער עס האָט ווער מיין רוהע געפאַנגען —
אָ, ווייז מיר מיין טרוים פון אַמאָל!

און זאָל זיך דאָס פייער איצט ווידער צוגליהען
און שפריצען מיט פונקען אויף די פאַנטאַזיען,
וואָס איך האָב אין חלום געוועבט —
אין ליכטיגען טרוים פון די קינדערשע יאָהרען,
וואָס האָט זיך בעהאַלטען ביי מיר אין זכרון,
וואָס האָט אין מיין דמיון געלעבט.

און איין מאָל נאָך זעהען די בליהענדע וועלטען,
נאָך איין מאָל אַ בליק טהאָן אויף יענע געצעלטען,
וואָס איך האָב געבויט מיר אין טרוים.
אָ, דאַן וואָלט איך קניען און בוקען זיך ווידער
און זינגען די תפלות, די הייליגע ליעדער,
וואָס איך האָב בעשאַפען אין טרוים...

אין גײעג נאָך גליק

(נאָך אַ פּאָרטרעט)

אײלענד יאָגט דער שטאָלצער רײטער,
גאַלאָפּירענד אויף זײן פערד;
װײטער, װײטער, אימער װײטער —
נאָך דער שעהנסטער פון דער ערד.

און זי שװעבט פאַר זײנע אויגען
אויף אַ ליכטיג־גרויסען באָל,
לויכט אין פאַרב פון רעגען־בויגען
אויף איהר באַל פון רײן קריסטאָל.

דאָך דער רײטער
קען ניט װײטער
גאַלאָפּירען אויף זײן פערד;
דען צושניטען
איז אינמיטען
ביז אין אָבגרונד טיעף די ערד.

און אלם װעג גאַר
פיהרט אַ שטעג נאָר,
ליעגט אַ װאונדער־שעהנע מײד,
װי אין זונען
אײנגעשפּונען,
לײכט זי פון איהר טולען־קלײד.

און אַריבער
מוז דער גבור
איבער איהר איצט אויף זיין וועג,
אום צו זיעגען,
אום צו קריגען
יענע פרוי אין זיין געיעג.

און נאָך רייט ער
ווייטער, ווייטער,
מיט זיין טרוים־בילד פאַר זיין בליק;
נאָך אַ טרוים־בילד,
נאָך אַ שוים־בילד,
און צוטרעט זיין העכסטעס גליק.

אַ זומער לאַנג האָב איך געליעבט

I

איך האָב געליעבט אַ זומער לאַנג,
און דאַן האָב איך געלעבט,
געזונגען האָב איך אַ געזאַנג,
מיין טרוים אין איהם געוועבט.

מיין ליעבסטע איז מיין טרוים געווען.
זי איז געווען מיין שעהנסטעס ליעד,
און פייער־פלאַם אין פולען ברען
געוועזען דאַן איז מיין געמיטה.

פאַר מיר האָט אַלעס העל געשטראַהלט,
מיר האָט געשיינט אַ נייע ליכט;
כ'האָב נאָר געטרוימט פון איהר געשטאַלט,
גע'חלומ'ט נאָר פון איהר געזיכט.

II

האָסט זיך ווירקליך אומגעביטען?
האָסט באמת מיך איצט פיינט?
פאַר די וועלטען וועל איך קלאָגען,
ווי בעהאַנדעלסט בייז דיין פריינד.

קענען דיינע ליפען רעדען
עפּעס שלעכטעס איבער מיר?
אָה, דערמאָן דיך אויף די פריידען,
וואָס איך האָב געגעבען דיר!

חלומות פערגעסענע...

חלומות פארגעסענע קומען איצט וויעדער,
זיי קומען ווי פויגעל פון ווייטע מקומות.
חלומות, וואָס איך האָב בעזונגען אין ליעדער —
איך זעה איצט צוריק מיינע אַלטע חלומות.

און טרוימען פון יוגענד, פון גליקליכע צייטען,
זיי לעבען און לייכטען ביי מיר אין זכרון,
זיי זענען ניט מעהר שוין פון מיר פון דער ווייטען,
זיי בריינגען מיר אָפּ מיינע קינדערשע יאָהרען.

זיי קומען מיט האָפענונג, ליעבע און פריידען,
זיי מורמלען מיר סודות פון אייביגען לעבען.
דו בלייבסט ניט אליין מעהר, מיר וועלען ניט שיידען,
דיין פיין איז געענדיגט, פארגעסען, פארגעבען.

אַ בוקעט פאַר דיר

איך זינג פאַר דיר פון מאָרגען־ליכט,
פון מאָרגען־ליכט און מאָרגען־טהוי,
און שטראַהלען־ליכט איז דיין געזיכט
פאַר מיר, דו הייס געליעבטע פרוי.

אַ זונען־ליכט האָט אויפגעבליצט
און האָט בעלעבט מיין טויטע הערץ;
דאָס האָסטו, קינד, בעלעבט מיך איצט,
דו האָסט געהיילט מיין אַלטען שמערץ.

בעלויכטען איז מיר איצט מיין וועג
מיט שטראַהלען פון דיין בליק.
מיר לייכט אַ זון אויף יעדען שטעג,
אַ זון פון האָפענונג און גליק.

רייזע בילדער

I

איילענד יאָגט דער ווילדער צוג,
שדים ווייסען איהם וואוהין,
און ער שטערט מיין זשעדנעם קוק
אויף דאָס פעלד פון פרישען גרין. —

די ליליען־בלום האָט אויפגעבליהט,
דער עפעל־בוים איז רייף,
די קאָרן־בלום אין געלען צוויט
וועט זיין מיין שעהנסטע בלומען־שלייף.

די זאַנגען נאָר זיי סוד'ען זיך,
זיי שאָקלען זיך, זיי הוידען זיך,
זיי מורמלען וואָס, זיי רעדען זיך,
זיי זאָגען מיר: מיר שיידען זיך.

II

אין גאָרטען שטעהט דאָס שעהנע קינד,
און בלומען פיעל האָט זי געפליקט;
זיי דופטען נאָך אין מילדען ווינט,
זיי האָבען מיר אַ גרוס געשיקט.

איך שיק איהר צו אַ שטילען גרוס,
מיין שעהנעס קינד, מיין שעהנסטע בלום,
איך וואַרף איהר צו אַ האַרציג קוס:
ערוואַרט מיך, קינד, איך קום — איך קום.

III

אַ שעהנער טאָג, אַ ליעבער טאָג,
דער שעהנסטער טאָג אין זומער;
עס האָט שוין אַלעס אויפגעבליהט,
עס נאָגט אין מיר מיין קומער.

מיין שעהנעס קינד, מיין בלייבעס קינד,
זי שטעהט פאַר מיר שוין װיעדער;
איך האָב אַמאָל פאַר איהר אַליין
געזונגען מיינע ליעדער.

און ווײעדער שוין אַט זעה איך זי.
זי שטעהט פאַר מיינע אויגען;
איך חלום אַלץ נאָך יענעם טרוים,
דעם קאָפּ צו דר'ערד געבויגען.

IV

קום, קום, מיין געליעבטע, און גיב מיר דיין האנד,
מיר װאנדערען איצט אין מיין אייגענעם לאנד.

מיין לאַנד איז דער גאַנצער אונענדליכער רוים.
איך בין דאָרט דער קעניג פון צויבער און טרוים.
מען װעט דאָרט ניט װאַגען מיר צו װידערשפּעניגען.
און דו, מיין געליעבטע, װעסט זיין דאָרט מיין קעניגין.
דאָרט מאַך איך דיר קרוינען פון בלויען עפיר,
אָ, קום, מיין געליעבטע, און זיי דאָרט מיט מיר.

איך בין דער בעשעפער פון שטורעם און פלאַם,
פאַר מיר גיט קאָנצערטען דער ברויזענדער ים.
עס רעדען די בלומען נאָך מיינע פערלאַנגען,
עס זינגען די פויגלעך די שעהנסטע געזאַנגען,
איך הער צו די סודות פון פעלד און פון וואַלד,
איך שאַף די פאַנטאַזיע און מאָהל איהר געשטאַלט.

טאָ קום דאָך, מיין גוטעס, מיין הערליכעס קינד,
איך פיהר דיך אַהין אויף די פליגלען פון ווינט,
אַהין אין מיין וועלט, אין מיין אייגען געפונענע,
מיר וועלען דאָרט זיין פון די ערשטע אַנטרונענע:
אָט דאָרט, אין דעם העלען און זוניגען שיין —
אָט דאָרט, מיין געליעבטע, אָט דאָרט בין איך דיין.

אָפען רעד איך

כ׳וועל ניט רעדען דורך משלים.
אָפען וועל איך דיר פאַרטרויען.
ביזט דער דמיון פון מיין חלום,
ביזט מיין ליעבסטע אונטער פרויען.

זאָג, מיט וואָס זאָל איך פערגלייכען
דיינע וואונדער צויבער־אויגען?
זונען־שטראַהלען אויף די טייכען,
פונקען פון דעם רעגענבויגען.

זעהסט מיך ווען אין תפלות קניהען,
שטילע תפלות האַרציג בעטען,
מיינע אויגען טרוקען גליהען —
אַלץ פאַר דיר, מיין הערצענס געטין.

נעהנטער, מיין טייערע

נעהנטער, מיין טהייערע,
נעהנטער צו מיר,
ליעבשאַפטען פרייערע
וואַרטען אויף דיר.

דעק דיינע ברוסטען אויף,
דעק אויף דיין ברוסט,
וועק מיינע לוסטען אויף,
וועק אויף מיין לוסט.

לוסטען פערשפעטיגטע
טלייען אין מיר,
לוסט ניט געזעטיגטע
וואַרט נאָך אויף דיר.

ווידער קומט דאָס אַלטע גליק

האָסט „געליעבטער“ מיר געזאָגט,
צום געליעבטען מיך געקרוינט;
ניט גערעדט האָב איך קיין וואָרט,
כ'האָב פאַר פריידען נאָר געוויינט.

באַלזאַם איז דיין וואָרט געווען,
היילונג פאַר מיין קראַנקע ברוסט;
האָסט צום לעבען מיך געוועקט,
מיר געגעבען לעבענס־לוסט.

ווידער קומט דאָס אַלטע גליק,
ווידער קומט די יוגענד מיין;
זיי האָט געבראַכט דיין איינציג וואָרט:
„מיין געליעבטער, איך בין דיין“.

איך האָב געזעהן איהר אויפ׳ן וואָהר

איך וויים ניט וואו, איך וויים ניט ווען,
איך האָב זי דאָך אַליין געזעהן,
און ניט אין טרוים, איך וויים דאָס קלאָר,
איך האָב געזעהן זי אויפ׳ן וואָהר.
אַ בלום, וואָס לעבט, אַ בלום, וואָס זינגט
און פייערדיג מיין הארץ בעצווינגט.
געהערט זי נאָך אַן איינציג מאָל,
און תמיד קלינגט מיר נאָך איהר קול.
זי איז מיין זון, וואָס שיינט און שטראהלט,
עס לעבט פאר מיר נאָר איהר געשטאַלט.
איך וויים ניט וואו, איך וויים ניט ווען,
איך האָב זי דאָך אַליין געזעהן.

אין מאָרגען טרוים

איך קום צו דיר אין מאָרגען־טרוים,
איך קום צו דיר, דו ווייסט דאָס קוים.
איך טראָג דיר צו אַ ווייסע בלום
און קוק דיך אָן גאַנץ בלייך און שטום.

און זעה איך דיך איין אויגענבליק,
דאַן קעהרט צוריק דאָס אַלטע גליק;
פערגעס איך זיך וויפיעל איך לייד,
בייַנקענדיג די לאַנגע צייט.

זונען־ליעדער

I

גרוס צו דיר, מיין פלאַמען־גאָט,
זון פון אַלע זונען!
כ'האָב פאַר דיר פון הערצענ'ס־פרייד
געזאַנגען אויסגעשפּונען.

זעה איך דיך אין מאָרגען־פּראכט,
גרים איך דיין ערשיינען.
הילט דיך איין די בּייזע נאַכט,
ברעך איך אוים אין וויינען.

ווען פאראיבער וועט די נאַכט,
ועסטו מיך געפינען.
האָב די גאַנצע נאַכט געוואַכט,
געוואַרט אויף דיין בעגינען.

II

און שיקסטו דיינע שטראהלען
אויף גראָזען און אויף בלומען,
דאַן יובעל איך אין שאַלען:
מיין געטין איז געקומען!

און זעה איך דיך פארבאָרגען
אין נעבעל'ם דיקען שלייער,
דאַן וויין איך דעם פריהמאָרגען:
מיין געטין איז און טרויער.

לעבען

וואָס איז לעבען? — הער איך פרעגען,
פרעגען, זוכען, ווי פעראירטע
בלאָנדזשען אום אויף אַלע וועגען.
ווענען זוכט איהר, איהר פערפיהרטע!

אַלץ איז לעבען! אַלץ איז לעבען!
אין דעם טרוימען, אין דעם וואַכען,
אין דעם דענקען, אין דעם שטרעבען,
אין דעם וויינען, אין דעם לאַכען.

אין דעם זינגען, אין דעם שפּיעלען,
אין די בונטע פייער־פאַרבען,
אין דעם טראַכטען, אין דעם פיהלען —
אַלץ איז לעבען, נישט איז שטאַרבען.

לאָז דעם וויין אין בעכער גיסען,
לאָז דעם וויין אין בעכער זידען,
לעבען — לעבען הייסט געניסען,
לעבענס שכור, זיי צופריעדען.

לאַנג וועט זיין די נאַכט פון שווייגען,
קורץ אַליין איז אונזער לעבען;
איצט איז ניט די צייט פון דאגה'ן —
היים דעם בעכער וויין דיר געבען.

ליעבען קען מען דאָך ניט אייביג

ניין, מיין קינד, איך בין ניט גלויביג.
ליעבען קען מען דאָך ניט אייביג.
האָסט דאָס דאָך פון מיר פערלאַנגט —
כ'האָב מיך, קינד מיינס, שעהן בעדאַנקט.

און ווי לאַנג מיין אויג איז אָפען,
זעה איך מיידלעך, וועקט זיך ליעבע.
גאָט אַליין וועט מיך ניט שטראָפען —
ווער קען ביישטעהן אַזאַ סבה?

דער געצען־דיענער

כ׳האָב אין פריהלינג פון מיין לעבען
נאָר פאַר דיר געזונגען הלל;
איצטער זינג איך אָווענד־ליעדער,
איצט בין איך פאַר דיר מתפלל.

וואָלט צו דיר נאָר ווען געקומען
מיין געבעט, דאָס האַרציג־שטילע,
אַלעס וואָלסטו דאַן פערנומען
אין מיין לעצטער אָווענד־תפלה.

עס בעט אַזוי אַ געצען־דיענער,
ווען ער זעהט זיין זון פערגעהען;
פערלאָז מיך איצטער ניט, מיין געטין,
אין מיין טיעפסטע הערצענס־וועהען.

דערמאָן איך די טעג פון דיין יוגענד

דערמאָן איך די טעג פון דיין יוגענד —
מיך האָט דאַן אַ בליק דיינס געזעטיגט,
נאָר זעהן דיך, און כ'האָב מיך בענוגענט.
אָה, זאָג מיר, איז אַלץ שוין פארשפעטיגט?

מיר האָבען געשטיפט דאַן ווי קינדער,
אָה, גליקליכע, גליקליכע צייטען!
כ'וואָלט ליעבער געבליבען אַ בלינדער,
אַלס זעהן דיך פון מיר פון דער וויַיטען.

אָווענד־ליעדער

I

ס'איז טונקעל געווען אין מיין צימער.
מיר זיינען געזעסען ביינאַנד.
אין זאַנפטען, אין געטליכען שימער
אַ שאָטען קריכט אום אויף דער וואַנד.

דער שאָטען קריכט אום ווי אין חלום,
ער זוכט און געפינט ניט קיין אָרט.
ער זוכט און ער זוכט, ווער עס זאָל איהם
כאָטש טרייסטען זיין שמערץ מיט אַ וואָרט.

II

ער יאָגט אויף דיר אַ שרעק,
דער שאָטען אויף דער וואַנד ;
עס טרייבט איהם איצט אוועק
דיין פיבערדיגע האַנד.

דער שאָטען קריכט און ציהט
אין מאַטען אָווענד־שיין ;
ער ברענט פאר וועה און גליהט,
ער גליהט פאַר ליעבעס־פיין.

III

עס זינגט אַצינד דער קראנקער, מידער ,
די לעצטע זיינע אָווענד־ליעדער,
גאַנץ ליעבעס־קראַנק און לעבענס־מיעד.

און טרויעריגע טענער ציהען,
ווי ווייטע אָבשיידס־מעלאָדיען ;
ער זינגט זיין לעצטעס אָוועגד־ליעד.

ער האָט איהר ליעבען בליק בעגעגענט.
זי האָט מיט איהם זיך שטום געזעגענט
אויף קיין מאָל זעהן זיך קיינמאָל מעהר.
אין איהרע אויגען ברענען, גליהען
די אַלטע לעבענס־מעלאָדיען ;
עס גלאַנצט אין אויג ביי איהר אַ טרער.

איהר הארץ ווערט ווייך און ווייכער,
איהר פנים בלאַס און בלייכער —
זי האָט פערנומען מיין געבעט ;
אָ, מיין געליעבטע, איך פערגיב דיר.
מיין לעצטעס וואָרט : איך ליעב, איך ליעב דיר —
דיין ליעבע קוממ צו מיר צו שפּעט.

איז, ליעבסטע, דאָס דיין וואָרט?

.1

זי האָט דאָך מיך באשטעלט
אויף יענעם איינזאַם אָרט.
און זי אַליין נאָר פעהלט —
איז, ליעבסטע, דאָס דיין וואָרט?

אויף יענעם איינזאַם אָרט
געבליבען דאָרט אַליין.
איך וואַרט נאָך אויף איהר וואָרט,
און וויים ניט וואו צו געהן.

.2

ס'איז אָפען נאָך מיין טיהר,
איך האָב זי ניט פערמאַכט.
איך האָב געוואַרט אויף איהר
די לאַנגע ווינטער־נאַכט.

דערהער איך שטילע טריט,
דאַן מיין איך, אַז זי געהט.
איך זוך און זעה זי ניט.
דער וועג שוין אויך פארשנעעט.

שמשון אין טעמפעל פון עזה

עס ציהען די סרנים פון פלישתים און איילען
צום טעמפעל פון עזה מיט יובעל־געזאַנגען,
אין טעמפעל שטעהט שמשון געשמידט צו די זיילען —
עס איז דאָרטען שמשון דער בלינדער געפאנגען.

ער שטעהט ווי אַ סטאַטוע פון קופער געגאָסען,
דער גבור זעהט אויס ווי אַ ריעזען־סטאַטוע,
די אויגען די בלינדע, די האַלז ער געשלאָסען,
זיין צאָרן נאָר צוקט אין געצוואונגענער רוהע.

עס ברענען דעם בלינדען די גליהענדע שטראַהלען,
די ריעזען סטאַטוע שטיל מורמעלט אַ תפלה;
„וואו ביזטו מיין געטין פון הימעל געפאלען?
כ׳פארגיעב עס דיר, ליעבע, כ׳פערצייי עס דיר, דלילה.

דו האָסט מיינע אויגען געפאָדערט צום קרבן,
איך גיב דיר די אויגען, די זון און די שטערען.
צו לעבסט נאָך, מיין געטין, צו ביזטו געשטאָרבען?
דיר ברייננ איך אַ בעכער פול גליהענדע טרערען.

איך האָב דיר געאָפפערט דעם סוד פון מיין גבורה,
איך האָב מיינען סודות אַליין דיר פערטרויט,
און קען איך ניט זעהן מעהר דיין ליעבליכע צורה,
וואָס קען מיך דען שרעקען דער גרויזאַמסטער טויט!

וואו זאָל איך דיך זוכען, איך זאָל דיך געפינען?
צו ביזטו אין הימעל, צו ביזטו אין גיהנום?
כ'האָב וועלטען געאָפּפערט אום דיך צו געווינען,
די פלאַם פון מיין האַרצען קען וועלטען פארברענען".

עס לאַכען און שפּעטען די סרנים פון פלישתים.
וואָס וויל ער, דער בלינדער? וואָס רעדט ער, וואָס
בעט ער?
דאָס האָבען די געטער פארווירט איהם, צומישט איהם.
זיי זעהען אין בלינדען דעם שטראָף פון די געטער.

און שמשון הגבור, די ריעזען־סטאַטוע,
איז איצט ווי פון אייזען און שטיין אויסגעהאַמערט,
און פריי ברענט זיין צאָרען, אַוועק איז זיין רוהע,
און האַלט אין די ארעמס די זיילען געקלאַמערט.

אָ פלישתים, וואָס שטעהט איהר! ווילט איהר ניט פער־
שווינדען?
אָט זעהט, ווי זיך ריהרען פון טעמפּעל די זיילען!
וואָס לייכטען די לעכער אין קאָפּ ביי דעם בלינדען,
און שיסען מיט פייער, ווי גליהענדע פיילען?

וואָס הערט מען ניט מעהר אייער יובלען און לאַכען?
אָט זעהט נאָר דעם גבור, אָט פאַלט ער, אָט ליעגט ער!
עס פאַלט אום דער טעמפּעל אין ברויזענדען קראַכען,
עס פאַלען די זיעגער, עס זיעגט דער בעזיעגטער.

ווי האָסטו ניט מײַן האַרץ געשוינט ?

דו האָסט ביי מיר אין האַרץ געוואוינט
און פייער אָנגעצונדען.
ווי האָסטו ניט מיין האַרץ געשוינט ?
געלאָזען ברענען מיינע וואונדען.

דו ווייסט...

דו ווייסט ווארום איך בין פאַראומערט?
דאָס איז, געליעבטע, דאָך דיין שטראָף.
מיין אַלטער וועהטאָג אין מיר שלומערט
און, אָפטמאָל, וויינט ער נאָך פון שלאָף.

יענער טאָג

הער צו איצט וואָס איך זאָג:
געווען איז יענער טאָג
ווי נאַכט מיר חושך שוואַרץ,
דער טאָג פון גרויסען בראָך. —
און פרעגסט, צו לעב איך נאָך —
ווי לעבט מען אָהן אַ האַרץ?

איך מאָן ניט מעהר

איך מאָן ניט מעהר,
איך מאָן ניט מעהר,
איך רעד שוין איצט קיין וואָרט ניט.
איך פרעג ניט מעהר,
איך פרעג ניט מעהר,
געפין מיר דאָך קיין אָרט ניט.
און וואו דו געהסט,
און וואו דו שטעהסט,
וואו ס'האָט דיין פוס געטראָטען.
אָה, אימער דאָך,
אין שטילען בראָך,
האָט דיך בעגלייט מיין שאָטען.

זעהסט דו ווען?

זעהסט דו ווען מיין ליעבע פרוי?
וויים זי שוין, אז איך בין גרוי,
גרוי געוואָרען און שוין אַלט,
ביינקענדיג נאָך איהר געשטאַלט.

זעהסט זי ווען? אָ, זאָג מיר וואו?
וויים זי כאָטשע, וואָס איך טהו,
וואָס איך טהו און וואָס איך מאַך,
ווען איך טרוים און ווען איך וואַך?

זאָג איהר אוים מיין סוד, דערצעהל —
זי אַליין טראָגט אום מיין הייל,
זי אַליין איז מיין געדאנק,
כ'בין נאָך אימער ליעבעס־קראנק.

אַ זינד

זיי זאָגען מיר עס איז אַ זינד,
בחינם זיך די האַרץ צו עסען.
זי האָט דאָך דאָס ביי מיר פערדיענט
איך זאָל אָן איהר פאַרגעסען.

זי איז צו מיר פון לאַנג שוין פרעמד
און מיט אַן אַנדערען פעראייניגט ;
צו וואָס זאָל איך נאָך זיין געקלעמט,
בחינם זיין געפייניגט.

זי קושט און האַלזט אַן אַנדער מאַן,
ווי מיך אין אַלטע צייטען ;
און איך פאַרגעה פאַר ליעבעס־וואהן,
און זעה דאָס צו פון ווייטען.

מכשפות

I

דער אַלטער וואַלד איז ניט אַליין.
ווי נאָר עס קומט אין מיטען נאַכט,
דאָרט טאַנצען מיידען וואונדער־שעהן —
און אַלע מאָל אין מיטען נאַכט.

דאָרט טאַנצען זיי אין רונדער שאַר
ארום אַ פייער לוסטיג העל,
דאָרט טאַנצען זיי אַרום דעם זשאַר,
דאָרט וואו עס ווערט פערברענט מיין זעעל.

II

בעלויכטען מיט גרין־רויטע שטראַהלען,
זיצט הויך אויף אַ באַרג דאָרטען לילית;
צו איהר קומען מיידען און קניען און פאַלען
און ברענגען איהר הערצער פול תפלות.

עס דיענט איהר צום טהראָן אַ דרייפיסיגער זעסעל,
געקליידעט אין גאַנצען אין שווארצען מאַנטין;
זי זיצט לע'ם אַ פייער און מישט אין אַ קעסעל,
דאָרט קאָכט זי איהר צויבער, די נאַכט־קעניגין.

דאָרט קאָכט זי די הערצער און רייסט זיי מיט צוואנגען.
דאָס האָבען די מיידען געבראַכט איהר מתנות,
דאָס האָבען די מיידען גענומען געפאנגען
די הערצער פון מענער, געבראַכט פאר קרבנות.

III

די נאַכט איז ווילד, די נאַכט איז שוואַרץ,
עס רוהט שוין אַלץ, נאָר ניט מיין לייד;
עס האָט געבראַכט אַצינד מיין האַרץ
צו לילית'ען מיין שעהנע מייד.

און זעה, מיין האַרץ, מיין בלוטענד האַרץ,
דאָס צאַפּעלט זיך אין רויטען שיין,
און לילית כאַפּט מיין בלוטענד האַרץ
און וואַרפט עס טיעף אין פלאַם אריין.

אָ, שעהנע מייד, אָ, לילית־מייד!
וואָס האָסטו מיט מיין האַרץ געמאַכט?
כ'האָב דיר אַליין מיין האַרץ פערטרויט!
און לילית לאַכט, און לילית לאַכט.

אַראָפּ גענידערט...

ליעבע האָט אַראָפּגענידערט
אין אַ שטילע זומער נאַכט,
האָט דעם מענשען־קינד פאַרברידערט,
און ער לאַכט, דער טייוועל לאַכט.

און עס נידערט אַלץ די ליעבע,
געהט צו חלום אום ביינאַכט;
מענשען מיעדע, מענשען טריבע,
הערען ווי דער טייוועל לאַכט.

כ׳האָב מעהר קיין פערלאַנגען

דו האָסט מיך ליעב, דו האָסט מיך פיינט,
וואָס קאָן דאָס מיך איצט אַרען,
דער מאָרגען איז מיר גלייך ווי היינט,
מיך שרעקען מעהר נישט קיין געפאהרען.
דער יאוש האָט מיך אומגעפאסט
און האַלט מיך פעסט געפאנגען.
ניט זיין געליעבט, ניט זיין געהאסט,
איך האָב מעהר קיין פערלאנגען.

ס׳לעבט ניט מעהר די יוגענד־לוסט

ס׳לעבט ניט מעהר די יוגענד־לוסט
אין מיין ברויזענד שטורעם־ברוסט, —
ס׳קלאַפּט די עלטער אין מיין טהיר,
קלאַפּט און טרעט ניט אָפּ פון מיר;
יענע פוילע מידע זאַך
האַלט שוין אימער מיך איצט וואַך;
זי איז דאָ שוין, זי איז דאָ,
פינזעלט מיך פון שוואַרץ אויף גראָ.

טרעט צוריק, דו בייזע שטראָף!
האַלט נאָך אָפּ דעם דיכטער׳ס סוף.
מעגסט מיך פאַרבען זילבער וויים,
פערוואַנדעל ניט מיין האַרץ אין אייז.
לעש ניט אוים מיין זונען־גלוט,
פריהר ניט אוים מיין פלאַמען־בלוט,
טויט מיר ניט מיין טרוים אין הערץ;
ס׳איז מיין גרעסטער גהינום־שמערץ.

אָבגעזעגענט

גרין געקרענצטע יוגענד־טרוימען,
מיינע אַלטע בוזים־פריינד,
איהר חברים פון מיין יוגענד,
מיר געזעגענען זיך היינט.

אַלטע פריידען, אַלטע גליקען,
אַלטער וועהטאָג, אַלטער שמערץ
ליעגט בעגראָבען און בעשאָטען
טיעף ביי מיר אין קראנקען הערץ.

אַלץ אוועק איז ווי אַ חלום,
אלעס רוהט אין הינטער־גרונד;
נאָר זכרונות נאָך פערבליבען,
און אין האַרץ אַ טיעפע וואונד.

הינטער מיר דער גרינער פריהלינג,
דאָרטען פאַלט מיין זון אַראָפּ;
ווינטען בלאָזען, ווינטען וועהען,
און די צייט פערשנייעט מיין קאָפּ.

און די לעצטע זונען־שטראַהלען
רוהען דאָרט אויף יענעם באַרג;
אויבען שוועבט דאָרט עפּעס שווארצעס,
׳ס קומט ענטגעגען מיר מיין זאַרג.

שטאַרקער ווערט דער פראָסט אין האַרצען ;
אַלעס, אלעס ווערט פערשנעעט ;
איילענד קומט שוין אָן מיין נאַכט,
ס׳קומט די נאַכט, מיין טאָג פערגעהט.

אַליין

איך האָב מיינע פּערזען אין פייער געשמידט;
אַ ברענענדיג האַרץ האָט געצאַפּעלט, געגליהט;
אין מיר האָט דער וועהטאָג געוויינט און גערעדט
אַ תפלה פון טרערען, אַ שטומעם געבעט.
צו וועמען מיין תפלה? צו וואָס מיין געוויין? — — —
אַליין, אַ פערלאָזענער, איינער אַליין...

דער מידער וואַנדערער

איך בין דער מידער וואַנדערער,
איך האָב קיין ערד פאַר מיינע טריט;
ניטאָ צו מיר קיין אַנדערער,
מיין זעעלע האָט קיין הימעל ניט.

מיין אויג איז מיד שוין, זוכענדיג
מיין חלום פון אַמאָל;
ניט בענשענדיג, ניט פלוכענדיג,
אָפט וויין איך אויפ'ען קול.

מיט פליגעל אָבגעשאָרענע
רק רייס איך מיך ארויף;
געוועזענע, פערלאָרענע —
אָט דאָס איז מיין בערוף.

און יאָהרען פון טרויער

און יאָהרען, און יאָהרען, און יאָהרען,
זיי זיינען אַוועק און פערגאנגען,
און איך בין געוועזען דער ארון,
אין טרויער, מיט שוואַרצען פערהאנגען.
אַ שטילער, אַ הייליגער טרויער
האָט מיך אומגעפּאַסט און פערצוויגען,
און איך האָב געטראָגען די טויטע,
די טרוימען פון גליק און פון ליעבע.

מיין האַרץ — אַ פערלאָזענער טעמפּעל,
אַ פולע מיט גרויסע ארונות,
געצאַנקט האָט אין האַרץ מיר אַ לעמפּעל,
בעלויכטען די טויטע זכרונות.
אַליין בין געווען דער בעל תפלה,
און איך האָב בעוויינט מיינע טויטע,
און איך האָב בעקלאָגט זיי אין ליעדער,
די טרוימען פון גליק און פון ליעבע.

פארטיעפט אין מיין איינזאמען קומער,
מיט בייגקענדע בליקען אַהינטער.
אַזוי איז פערגאנגען מיין זומער,
אויף מיר האָט געלייגט זיך דער ווינטער.
און לאַנג האָט מיין ווינטער געדויערט,
אַ ווינטער פול ברענענדע קעלטען,
און איך האָב אַהן אויפהער געטרויערט,
נאָך מיינע פערלאָרענע וועלטען.

נאָך מיינע חלומות

איינגעשלאָפען איז דער וועהטאָג,
אָפּגעשטאָרבען די מחשבות.
נאָר איין איינציגער געדאַנק נאָך
שפּוקט אַרום אויף קבר אבות.

שפּוקט אַרום דאָרט אויף די קברים,
זוכט אַרום אַ פּונק פון לעבען.
און די קברים זיינען פּוסטע,
שוין פאַרגעסען, שוין פאַרגעבען.

'ס איז מיין טויטע פּוסטע האַרץ
אַ בית עולם פול מיט קברים;
אָפט נאָך בויערט דאָרט און גריזשעט,
נאָגט און גריזשעט דאָרט אַ וואָרים.

צו אַ פריינד

וועק ניט, פריינד, מיין אַלטען וועהטאָג,
וועק ניט אויף מיין אַלטען קומער;
לאָז מיך זיך אַליין פערגעסען
אין מיין לאַנגען, טיעפען שלומער.

ניט איך לעב מעהר, ניט איך חלום,
ניט עס ברענט מיין אַלטער צאָרען,
נאָר אין מוח עפּעס שימערט,
עפּעס צאַנקט אין מיין זכרון.

לאַנג צוריק איז דאָס געוועזען,
און עס איז אין טרוים פערגאַנגען;
אין מיין האַרצען נאָך פערבליבען
אַלטע וועהען, אַלטע באַנגען.

און ווי יענער אַלטער נביא,
שטעה איך איצט אויף די רואינען
פון מיין היים געליעבטען טעמפּעל;
דאָ פלעג איך מיין גאָט דאָך דיענען.

און דאָ וואַלגערען זיך שטיקער —
מיינע לוחות שוין צובראָכען,
מיינע טרוימען, מיינע געטער — — —
אַלץ צובראָכען, אַלץ צובראָכען.

וועק ניט, פריינד, מיין אַלטען וועהטאָג,
וועק ניט אויף מיין אַלטען קומער;
לאָז מיך זיך אַליין פערגעסען
אין מיין לאַנגען, טיעפען שלומער.

צו דער וויסטע וויל איך קעהרען

אַלעם האָט מיך שוין פערלאָזען,
נאָר דער וועהטאָג ניט אין הערץ;
ווילדע ווינטען וועהען, בלאָזען,
לעשען דאָך ניט אוים מיין שמערץ.

און פערגעסען פון חברים,
פרעמד פון מענשען, ווייט פון גאָט,
כ'בין אַ גר דאָ צווישען גרים,
וויסט און לעער איז מיר די שטאָדט.

צו דער וויסטע וויל איך קעהרען,
וואַנדערען פון באַרג און טהאָל;
כאָטש אין עכאָ נאָר צו הערען
מיר אַן אלט בעקאַנטען קול.

איך האָב נאָך אַ טרער

איך האָב נאָך אַ גליהענדע טרער אין מיין אויג,
אַ טרער, וואָס פערשטעלט מיר די ליכטיגע שיין,
אַן איינזאמע טרער... ניט זי נוצט, ניט זי טויג,
מיט איהר וויל איך לעשען מיין ברענענדע פיין.
און ווען זי פערלעשען מיין ברענענדען לייד,
דאַן זינק איך אין שלומער, דאַן שטאַרב איך פאַר פרייד.

איך קלייב איצט צונויף אַ צוריסענעם ליעד,
איך שטעל עס צוזאַמען אַ סטראָף נאָך אַ סטראָף,
דאָס איז מיין צובראָכען, צוריסען געמיטה,
איך ענדיג דאָס ליעד ניט, דאָס בלייבט אָהן אַ סוף,
אַ ליעד אָהן אַן אָנהויב, אַ ליעד אָהן אַ סוף — —
אָ, געטליכע קללה! אָ, טייפעלשע שטראָף!

אָ, ווען וועט אין האַרצען ביי מיר ווערען לעער,
און ווען וועט אין בוזים ביי מיר ווערען פוסט,
און גרעסער פון ימים דאַרף ווערען מיין טרער
צו לעשען די פלאַמען ביי מיר אין דער ברוסט — —
און וועט זי פערלעשען מיין ברענענדען לייד,
דאַן זינג איך אין שלומער, דאַן שטאַרב איך פאַר פרייד.

אַ נאַכט בּיים ים

איינגעשלאָפען איז די נאַכט,
טיעף פער'חלום'ט ליעגט דאָס מעער.
עס בעוועגט זיין בוזים זאַכט —
קרעכצט פון שלאָף און אָטעמט שווער.

און ער מורמעלט שטילע רייד,
מורמעלט, פּרעפּעלט אָהן אַ סוף.
זאָגט ער אוים זיין אלטען לייד?
אפשר רעדט ער דאָס פון שלאָף?

זאָגט ער אפשר, וועמעס טרער
האָט געזאַלצען איהם געמאַכט,
זאָג, דערצעהל, דו אַלטעס מעער,
וואָס רוהסטו ניט די גאַנצע נאַכט.

זאָג, וואָס ברויזט דיין גרויסע הערץ,
האָט געפאנגען ווער דיין רוה?
זאָג מיר אוים דיין טיעפען שמערץ,
ליידענד בין איך אויך ווי דו.

מיר אין הארץ האָט אויך געגליהט,
היינט איז דאָרטען פּוסט און קאַלט,
עפּעס נאָגט דאָרט, עפּעס ציהט,
און איך בענק נאָך איהר געשטאַלט.

און זי האַלט ביי זיך מיין רוה,
האַלט געפאַנגען נאַכט און טאָג.
דאַרום לייד איך אויך ווי דו,
וויין אין שטילען, וויין און קלאָג.

מיר איז קלאָר, איך ווייס שוין אַלץ,
כ'ווייס דיין סוד, דו אַלטעס מעער.
דאָס האָט דיך געמאכט צו זאַלץ
איך אַליין נאָר מיט מיין טרער.

אין שטורם אויפ'ן ים

טרייבען ווינטען אום אַ שיפעל,
רייסען איהם דעם שוואַכען מאַסט,
יאָגען עס מיט ווילדען אימפעט,
טרייבען עס מיט ווילדער האַסט.

ברויזט און ברומט דער ים אין צאָרן,
ברומט און שפּריצט מיט ווייסען שוים;
יאָגט דאָס שיפעל אויף און נידער,
שליידערט עס אין טיעפען תהום.

אויף אַ וויים געשווימטער כוואַליע
רוהט דאָס קליינע שיפעל אָפּ;
און דער שטורעם לאָזט ניט רוהען,
שליידערט טיעפער עס אַראָפּ.

אין דעם שיפעל זיצט אַ שיפער,
ווייס דאָס האָר, ווי ווייסער שוים;
רוהע זוכט ער אין דעם שטורעם,
זוכט אַרום זיין אַלטען טרוים.

לאַנג געזוכטער חלום מיינער

לאַנג געזוכטער חלום מיינער,
טרוים פון מיינע קינדער־יאָהרען,
לעבסטו וואו אין ווייטע וועלטען?
איז דיין וועלט נאָר מיין זכרון?

זשעדנע ברענען מיינע אויגען,
כ׳זוך, און האָב דיך ניט געפונען,
און מיין טרוים ווערט ווייט און ווייטער,
ווי אין נעבעל איינגעשפונען.

מיינע האָר שוין וויים־געזילבערט,
און מיין פנים בלאַס און בלייכער,
און דאָס ביינקען נאָך מיין חלום
לעבט ווי דאַן נאָך אין מיין זכר.

איך האָב ביי נאַכט אין ווינט געוויינט

איך האָב ביינאַכט אין ווינט געוויינט.
געהערט האָט ער מיך קלאָגן,
און ס'האָט דער ווינט מיין יאָמער־קול
צום וויסטען פעלד געטראָגן.
איצט לויפט דער ווינט אום טאָג און נאַכט,
און זוכט נאָך אַלץ און זוכט.
ער זוכט אַרום נאָך יענעם מאַן,
וואָס האָט אויף אייביג איהם פערפלוכט.

און ס'האָט דער ווינט ביינאַכט געקלאָגט,
געוויינט ביי מיר אין קוימען;
עס האָבען שדים איהם פעריאָגט
פון וואַלד, פון פוסטע בוימען.
איצט לויפט ער ראַסטלאָז אום אין וואהן
און זוכט נאָך אַלץ און זוכט.
ער זוכט ארום נאָך יענעם מאַן,
וואָס האָט אויף אייביג איהם פערפלוכט.

איך האָב צום ים גערעדט

איך האָב אין חושך פון דער נאַכט
מיין גרויסען וועה צום ים גערעדט.
געוועזען איז ער דאַן פערטראַכט
און האָט געהאָרכט צו מיין געבעט.

און איצטער טראָגט ער אום מיין וועה,
און ברויזט פאַר גרויסען שמערץ און ברומט.
איך הער מיך צו צו זיין געשריי
און בלייב פאַר שרעק פערשטומט.

צום תהום

איך בין געשטאַנען ביי דעם תהום.
געפרעגט די טיעפע גרונטען:
אָה, ווען איך זינק צו אייך אַראָפּ,
זאָגט, קאָן איך רוהען אונטען?

איך הער פון דאָרט קיין ענטפער ניט.
אומזיסט צו זיי מיין בעטען.
איצט געה איך אין פערזונקענהייט
און קיינער קען מיך רעטען.

צו מיר געהערט דער טריבער טאָג

צו מיר געהערט דער טריבער טאָג,
אונ מיינע איז די קראַנקע נאַכט.
און דאָס איז אַלץ, וואָס איך פערמאָג,
און דאָס איז אַלץ פון וואָס איך טראַכט.

עס קלאָגט דאָס עלענד אין מיין ליעד
און וויינט, און וויינט די גאַנצע צייט.
דאָס אונגליק געהט מיר נאָך די טריט —
איך ווער פון איהם קיין מאָל בעפרייט.

איוב

צרות מיינע, — וואָס שוין ווידער?
נייער וועהטאָג, נייער קלאָג!
זינגען זינג איך טויטען־ליעדער,
שטאַרבען שטאַרב איך יעדען טאָג...

וואָלט כאָטש אויפהערען צו ברענען
דאָרט ביי מיר אין קראַנקער ברוסט;
וואָלט איך רוהיג שטאַרבען קענען
מיט מיין וועה און מיט מיין לוסט.

און דער וועהטאָג איז זיך גובר,
שטאַרקער ווערט די פלאַם אין הערץ —
איוב לעבט אויף פון זיין קבר,
איוב בין איך אין מיין שמערץ.

דער סנה

האָט איהר געהערט פון יענעם סנה,
וואָס ברענט זייט אייביג, ברענט און ברענט,
איז פול מיט פלאַם, מיט פייער־פלאַם,
און ווערט אין פייער ניט פארלענדט.
און יענער סנה פון ווילדען מדבר,
דאָס איז מיין האַרץ אין גלותה און פלאַם,
זי ברענט אין מיר דעם גאַנצען לעבען,
און טריקענט אוים מיין טרערען־ים.

דער ניט־גוטער

בײַ מײַן װיעגעל זיצט מײַן מוטער.
זיצט און װיעגט איהר קראַנקעס קינד.
דורך דעם קוימען אַ ניט־גוטער
איז געקומען מיט דעם װינט.

שפּוקט און שװעבט אַרום מײַן װיעגעל,
לויערט דאָרט די גאַנצע צײַט,
פּאָכען זײַנע שװאַרצע פליגעל,
פון אַ װינקעל בײַ דער זײַט.

טוליע צו מיך, ליעבע מוטער,
דריק מיך פעסטער צו דײַן ברוסט,
זעה נאָר, מאַמע, דער ניט־גוטער,
האָט מיך איצטער שוין געקוסט.

ניט פערהיט האָסטו מיך, מוטער,
פון דעם בײזען שטורעם־װינט,
דורך דעם קוימען דער ניט־גוטער
האָט פאַרכאַפּט דײַן קראַנקעס קינד.

אין טעמפּעל

אָ, לאָזט מיך אין דעם טעמפּעל דרינגען,
איך וויל מיט אייך אין טעמפּעל זיין;
איך וויל מיט אייך די תּפלות זינגען
צום גאָט פון ליכט און זונען־שיין.

איך קען אין פינסטער מעהר ניט טאַפּען,
מיך שטיקט דער חושך פון דער נאַכט,
איך קום צו אייער טהיר איצט קלאַפּען,
מיך האָט פערצווייפלונג דאָ געבראַכט.

און פּוסט און לעער איז מיין נשמה,
יאוש, יאוש איבעראל;
איך זוך אין טעמפּעל איצט נחמה,
איך זוך אין גלויבען איצט אַ שטראהל.

פאַר מיין פאָלק

העכער רייסט זיך מיין נשמה,
בין שוין מעהר ניט מיעד און שלאַף;
גאָט אין הימעל, די מלחמה
געהט פערניכטען דיין בעשאַף.

בלוטיג פאַרבען זיך די הימלען,
רויט געפאַרבט איז איצט די ערד,
גאָט, ווי קענסטו רוהיג דרימלען,
ווען עס הערשט דער בלאַנקער שווערד?

דיינע קינדער צו דער שחיטה
געהען בלינדע, ווי די שאָף.
האָסטו שוין ניט מעהר קיין שליטה?
קומט די וועלט שוין צו אַ סוף?

זעה, אַ ים פון בלוט און טרערען
שטייגט צום הימעל הויך אַרויף;
העכער, העכער, זאָלסט דערהערען,
גאָט, פאַר דיר מיין הערצענס־רוף.

וויינען וועל איך פאַר די וועלטען,
קלאָגען וועט אין מיר מיין וועה;
פלוכען וועל איך, ברענענד שעלטען,
ביז דו הערסט צו מיין געשריי.

זעה דיין פאָלק, דאָס אויסערוועהלטע,
וואָגעלט אום, אין פּיין און צער,
שוין געבליבען נאָר געצעהלטע —
טהו שוין אָפּ פון אונז דיין גזר!

עס וויינט אין מיר דער איד

מיר קלאַגט אין האַרץ אַ ליעד,
עס וויינט אין מיר דער איד,
מען טרייבט מיין ברודער פאָרט,
ניטאָ פאר איהם קיין אָרט.

אין האַרץ מיין וועהטאָג גליהט,
איך וואָגעל מיט איהם מיט,
געטריבע און געיאָגט.
עס וויינט מיין האַרץ, עס קלאָגט.

איך פרעג אין שטומען צער,
ווי גרויס איז גאָט דיין גזר?
איך פריר אין וויסטען פעלד,
און גרויס איז גאָט דיין וועלט.

חרוב

און חרוב ליעגט מיין שעהנע שטאָדט.
מיין ברודער פון זיין היים פארטריבען.
און ווער ווער איצט דאָרט בעטען גאָט ?
די גרויסע שוהל איז וויסט געבליבען.

אין חורבות ליעגט די אַלטע קלויז,
געבליבען נאָר דער שווארצער קוימען.
דערביי געווען איז אונזער הויז,
געוועבט האָב איך דאָרט מיינע טרוימען.

און קיינער איז דאָרט מעהר ניטאָ,
מיין רוהיג היים אַ בערגעל ציגעל,
עס קראַקעט איצט אַ שווארצע קראָה
דאָרט, וואו געשטאַנען איז מיין וויגעל.

דאָך לייכט פון שוהל אין מיטען נאַכט,
עס שאָקלען זיך טליתים,
און קיינער האָט זי אויפגעמאַכט —
דאָס דאווענען דאָרטען מתים.

נעהנטער, גאָט...

נעהנטער, גאָט, צו דיינע שטראַהלען.
העכער הויב מיך אויף, מיין גאָט,
זעה, ווי טיעף איך בין געפאַלען,
כ׳בין געוואָרען לאַסט און שפּאָט.

כ׳וואָגעל, בלאָנדזשע אָהן א גלויבען,
פינסטער איז די וועלט פאַר מיר;
העכער, גאָט, זאָלסט מיך דערהויבען,
נעהנטער וויל איך זיין צו דיר.

דורך די נעכט, די פיעלע, שטילע,
וויינט און קלאָגט פאַר דיר מיין הערץ,
גאָט, פערנעהם מיין הייסע תפלה,
זעה אַליין מיין פיין און שמערץ.

פאַר מיין גייסט

איך האָב אין מיינע תפלות
פאַר דיר, מיין גאָט, געוויינט;
עס האָבען מיינע שכנים
צום וויינער מיך געקרוינט.

זיי האָבען ניט פערשטאַנען
מיין וועה און מיין געבעט;
זיי האָבען מיך פערשפּאָטעט,
ווייל כ'האָב צו דיר גערעדט.

אַך, גאָט פון מיינע אָבות,
מיין פאָטער'ס גרויסער האַרר,
דערזעה מיין לייד און קומער,
מיין עלענד און מיין צער.

איך בעט אין מיינע נויטען,
בין מתפלל אין מיין פּיין;
מיין גוף נאָר זאָלסטו טויטען,
מיין גייסט זאָל לעבענדיג זיין.

אַ פערשפעטיגטע תּפלה

איבער מיר דער כמאַרנער הימעל.
דאָרטען שיק איך מיין געבעט — — —
אַלט דער הימעל, ווי אין שימעל,
און מיין תּפלה קומט צו שפּעט.

וואו נעהם איך מיין פאָטער'ס גלויבען?
וואו נעהם איך מיין פאָטער'ס גאָט?
ער אַליין קען מיך דערהויבען,
שיצען מיך פון יעדען שפּאָט.

ס'האָט מיין פאָטער זיין בטחון
גאָט אַליין נאָר אָנפערטרויט,
איך אַליין האָב דאָס צובראָכען,
זיך געמאַכט פאַר אייביג טויט.

אָהן אַ גאָט און אָהן אַ גלויבען.
און מיין הארץ איז פוסט און לעער,
זוך בחנם אונטען, אויבען,
און מיין אויג פערגיסט אַ טרער.

די לעצטע תפלה

איך האָב צו גאָט גערעדט
אין שטילען נאכט־געוויין.
מיין איינציגעס געבעט:
„גאָט, האלט מיין זעעלע ריין“.

דו ווייסט דאָך, גרויסער גאָט,
אַלץ וואָס איך טראכט און טהו,
בעווייז מיר דיין גענאָד,
און שענק מיר זעעלען־רוה.

די לעצטע תפלה הער
פון דיין פערשטויסען קינד;
נעהם אָן מיין הייסע טרער
און מעק מיר אָפּ די זינד.

שטראָף מיך נישט

מיך טרייבט די פּיין. איך געה אין שול.
עס ווילט זיך מיר וואָס זאָגען;
דאָרט בעטען גאָט; מיין האַרץ איז פול.
און שטיל וועל איך דאָרט קלאָגען.

איך בעט צו גאָט אין שטיל געוויין.
מיין אויג איז פול מיט טרערען.
איך בין אַליין, איך בין אַליין.
ווער וועט מיין יאָמער הערען?

איך זוך דיך, גאָט. די שול איז לעער,
איך קען דיך ניט געפינען.
איצט שווייג איך שוין, איך בעט ניט מעהר,
איך געה אַראָפּ פון זינען.

ניט שטראָף מיך, גאָט, פאַר דעם געדאנק;
דאָס איז מחשבות זרות;
דו ווייסט, מיין גאָט, ווי איך בין קראַנק, —
דאָס רעדען מיינע צרות.

איך זינג מיט אייך אַ לויב

איך טרייסעל אָב פון זיך דעם שטויב,
געהייליגט איז איצט מיין פערלאַנג,
איך שיק פון הארץ צו גאָט אַ לויב,
קדוש! קדוש! מיין געזאנג.

צוזאַמען מיט דעם מאָרגען־שטראהל,
שיק איך מיין לויב, מיט גראָז און בלום,
צוזאמען מיט דעם וואסער־פאל,
קדוש! קדוש! אומעטום.

איך זינג מיט זיי אין גרויסען כאָר,
מיר זינגען איצט צו אונזער הארר.
איך זעה מיין חלום אויפ'ן וואָהר,
עס לויבט צו גאָט מיין הארץ דערפאר.

אַ ווינטער־בלום

מיין שוועסטער מירעל אַ מתנה.

דו ביזט געוועזן אַ ווינטער־בלום,
געקומען נאָך דעם זומער;
דאָס פעלד געוועזן וויסט און שטום,
און איינגעהילט אין קומער.

דער פויגעל האָט שוין לאַנג זיין נעסט,
זיין פריהלינגס־היים פערלאָזען;
געקומען שוין די ערשטע פרעסט,
עס פריהרען אוים די גראָזען.

עס שטעהט אַליין דער הוילער בוים —
אָן אבל אין זיין שווייגען,
און „קדיש" נאָך זיין פריהלינגס־טרוים
איצט מורמלען זיינע צווייגען.

ער שטעהט פער׳חלום׳ט און פערקלערט
אין טיעפע שטומע וועהען;
עס האָבען ווינטען איהם פערצעהרט
און איינגעהילט אין שנעען.

איצט יאָגט ארום אַ שטורעם־ווינט
און רייסט אָפּ זיינע בלעטער,
עס זיפצט דער בוים: „אַך, ס׳איז מיין קינד,
כ׳קען מעהר ניט זיין זיין רעטער".

און דו אַליין נאָר שטעהסט אין פעלד
און בליקסט צום כמאַרנעם הימעל,
און פערגעסט, פאַר וואָס איז קאַלט די וועלט
צו אַ פער׳יתומ׳ט בלימעל?

נאַכט־געזאַנגען

די נאַכט האָט אַ מאַנטעל פון גרוי אָנגעצויגען,
עס וואַכט אויף דער הימעל מיט טויזענדער אויגען,
עס פאַלען
די שטראַהלען
פון מאָנד און פון שטערען,
אין ווייכע,
אין בלייכע,
אין טוי־טראָפּען טרערען.

דאָס ווײנען צוזאַמען אין כאָר איצט די הימלען,
זיי קענען ניט רוהען, זיי קענען ניט דרימלען,
פערשניטען
אין מיטען,
אַ בלום אין איהר יוגענד,
אַ שעהנע,
אַ ריינע,
אַ מלאך פון טוגענד.

אַן איינזאַמע שטימע קלאָגט העכער און לויטער,
די מאַמע געזעגענט זיך איצט מיט דער טויטער.
אַ שטימע, אַ שטילע, דערטראָגט זיך פון ווייט:
„איך טרייסט דיך, פערצווייפעלטע — איך בין די צייט“.

צו אַ פאַרוועלקטער בלום

ווען איינזאַם אַליין אין דיין צימער,
פערטראַכט אין דעם מאַט־בלייכען שימער,
אין אָווענד, אין טונקעלען שיין,
מיט ביינקענדע בלאַנדזשענדע בליקען,
וואָס זוכען פערגאַנגענע גליקען,
פערגאַנגענע ליעבע, פערגאַנגענע פיין,

זעהסט דו דאַן די טרוימען איצט קומען,
אַ בינטעל פערוויאַנעטע בלומען,
אָהן רעגען, אָהן טהוי און אָהן ליכט.
דיין יוגענד פארוועלקט און פערגאַנגען,
דיין האַרץ מיט דיין רוהע געפאַנגען,
דאָס אלעס דערצעהלט דיין געזיכט.

דו טרוימסט פון די גליקליכע יאָהרען,
נאָך לעבען זיי אין דיין זכרון,
דאָס זעהט דיין פער׳חלום׳טער בליק,
זיי מאַניען, זיי ציהען, זיי נאָגען,
דיין האַרץ הערט ניט אויף נאָך צו קלאָגען
נאָך יענעם פערגאַנגענעם גליק.

פערבײנקט

אַ טרוים־בילד האָב איך דורכגעלעבט;
עס איז פאַרבײַ און איז פאַרגאַנגען.
אַ שאָטען האָט פאַרבײַגעשוועבט
און מײַן נשמה דאָן געפאַנגען.

איצט בלאָנדזשע איך אויף פרעמדער וועלט,
מײַן האַרץ איז פול מיט קרײַנקונג.
איך ווייס אַליין ניט וואָס מיר פעהלט,
און איך פאַרגעה פאַר בײַנקונג.

יאָהרען פאַרגעסענע

יאָהרען פאַרגעסענע,
יאָהרען פערלאָפענע,
זענען אַוועק.
טעג ניט דערעסענע,
נעכט ניט דערשלאָפענע,
קוקען מיט שרעק.

וועהען געליטענע,
האָפנונג פערביטענע,
לעבען איצט אָפּ.
שווער צו דערמאָנען זיך,
שווער צו דערקאָנען זיך,
שווער איז מיין קאָפּ.

וואו דער פויגעל פליהט

דער פויגעל פליהט און ווייס ניט וואו,
דאָך פליהט ער אום און פליהט;
עס ציהט מיין הארץ נאָך זעעלען־רוה,
און ווייס ניט, וואו עס ציהט.

דער פויגעל פליהט אין הימעל ווייט,
פערלאָזענדיג די ערד,
ער וויל פון מענשען זיין בעפרייט,
ניט זיין פון זיי געשטערט.

דער פויגעל זוכט אן אנדער וועלט,
ער וויל מיט אונז ניט זיין;
ער פליהט און זוכט אַ פריי געצעלט —
ניט זעהן דאָ אונזער פיין.

דער פערבלאָנדזשעטער פויגעל

עס איז פון ווייטען זונען לאַנד
אַ פויגעל דאָ געקומען.
דער הימעל האָט מיט פייער בראַנד
געפאַרבט דאָרט יענע בלומען.

ער זוכט אַרום
אַ גראָז, אַ בלום,
ער זוכט אַ היימיש בלימעל.
און איינזאַם קאַלט
איז איהם דער וואַלד,
און פרעמד איז איהם דער הימעל.

דורך אַ פעלד פון קאָרן־זאַנגען

דורך אַ פעלד פון קאָרן־זאַנגען
געהט אַליין די בלייכע מויד,
קיינער ווייס ניט איהר פערלאַנגען,
קיינער פיהלט ניט מיט איהר לייד.
איינגעהילט אין טיעפען שוואַרצען,
טראָגט זי מיט איהר גרויסען שמערץ,
און דעם וועהטאָג פון איהר האַרצען,
פיהלט דאָס קינד ביי איהר ביים הערץ.

דורך אַ פעלד פון קאָרן־זאַנגען
געהט צוריק די בלייכע פרוי,
ס'טריפט אַראָפּ פון איהרע וואַנגען
גליהענד גרויסע טראָפּענס טהוי.
קיינער ווייס ניט איהרע שמערצען,
איינזאַם זיפצט אַליין דער ווינט;
צוגעטוליעט צו איהר הערצען
דריקט זי פעסט איהר טויטע קינד.

אויף אַ פעלד פון קאָרן זאַנגען
גראָבט אַ פרוי אַליין אַ גרוב,
דאָרט בעגראָבט זי איהר פערלאַנגען
ביי אַן אָפּגעהאַקטען דוב.
איינגעהילט אין טיעפען שוואַרצען
געהט די מוטער, וויסט און שטום;
פון דער ליעבע פון איהר האַרצען
וואַקסט פון קבר אויס אַ בלום.

אַ תפלה, וואָס איז דערהערט געוואָרען

שטעהט רב גרשון ביי דעם עמוד
איינגעהילט דעם קאָפּ אין טלית,
אָנגעגורט ווי אין אַ כאמעט,
און ער בעט פון גאָט אויף אַלעם.

„מיט דיין האַנד דער ברייטער, פרייער
גיב פרנסה, גיב חיונה,
גאָט גערעכטער, גאָט געטרייער,
שטאַרק ביים עולם די אמונה.

אורך ימים גיב אונז, בורא,
גיב געזונד, און גיב אונז לעבען,
היטען וועלען מיר דיין תורה,
דיר אַליין אַ שבח געבען.

האָרך ניט, פאָטער, דעם כנגד,
כ׳בעט חלילה קיין עשירות,
אויף אַ ווינטערדיגען בגד,
ליכט אַ ביסעל אין די דירות.

זאָל מיין בתולה זיין פערשדכנ׳ט,
צו אַ גביר, וואָס ס׳איז קיין אכזר...״
ס׳האָט דערוויילען צוגעלאַטכענט
אימיצער רב גרשון׳ס מחזר.

מיין לעצטער גאָט

אַ שקלאַף האָב איך פאַרהייליגט,
און איהם צום גאָט ערוועהלט.
אין שירים ותשבחות
זיין גרויסקייט אויסדערצעהלט.
אין אַלע מיינע תפלות
פאַרהייליגט זיין בעשאַף,
און ער, מיין גאָט אַליין,
איז אַלץ — נאָך אַלץ אַ שקלאַף.

מענש, אָדער חיה?

קנעכט, זאָג: וואָס ביזטו? אַ מענש, צי אַ חיה?
צי ביזטו אַ טייוועל? צי ביזטו אַ גאָט?
צי האָט ווער בעשאַפען אַ בריאה אַ נייע,
צום טייוועל׳ס געלעכטער, צום געטליכען שפּאָט?

ניט אַנדערש דיך האָבען בעשאַפען געשפּענסטער,
און טיעף אין דיין זעעלע געמאַכט אַ כאַאָס;
די אויגען ביי דיר ווי פערדרויכערטע פענסטער,
וואָס בליקען אין צאָרען, אין וועה און פערדראָס.

און פלאַך איז דיין מח, און טעמפּ איז דיין לשון,
און עקעלהאַפט מיאוס דיין נאַריש געוויין.
ווער האָט דיר דיין האָפענונגס זון אויסגעלאָשען,
אין פינסטערען עלענד געלאָזט דיך אליין?

ביזט קליין אין דיין גרויסקייט, און גרויס אין דיין קליינקייט,
דו ביזט ווי אַ שאַפענדער הילפלאָזער גאָט;
און עקעלהאַפט מיאוס ביזטו אין דיין שעהנקייט,
דו טייוועל׳ס געלעכטער, דו געטליכער שפּאָט!

וואו נעהם איך די ווערטער, וואָס ברענען און גליהען,
דיר קענען ערקלערען, דיר געבען פארשטעהן;
כ׳וואָלט וועלטען פארהילכט, און די הימלען פארשריען.
דיין גאָט פון דיין צוקונפט, ביזטו נאָר אליין.

דיר זיינען בירושה די קייטען געגעבען,
פֿון דורות פֿערשקלאַוווטע פֿאַרבליבען צוריק;
דו טראָגסט זיי מיט זיך ווי אַ טהייל פֿון דיין לעבען,
פֿאַרשמידט אין די קייטען דיין פֿרייהייט, דיין גליק.

און וואָס לאָזט איבער די קומענדע דורות,
די קינדערלאַך דיינע, וואָס לאָזט פֿאַר זיי?
דו לאָזט זיי ירושה די קנעכטשאַפֿטס עברות,
דו לאָזט זיי ירושה דיין פּיין און דיין וועה.

דו עלענדע חיה! צוויי פֿיסיגע חיה!
דו ביזט ניט קיין טייוועל, דו ביזט ניט קיין גאָט!
דו ביזט נאָר אַן עלענדע בריאה אַ נייע,
בעשאַפֿען פֿון שטן, צום געטליכען שפּאָט.

די רעוואָלוציאָן

איך קום מיט דעם פייער פון אַלע וואולקאַנען.
איך קום מיט דעם שטורעם פון אַלע אוראַגאַנען.
איך קום מיט דעם צאָרען פון קנעכט אַלס כלי זין,
אַ וועלט אַ געקנעכטעטע קום איך בעפרייען.
איך קום ווי דער דונער אין ברויזענדען שטורעם.
איך קום ווי דער בליץ אין זיין בלענדענדען שיין.
איך קום צו בעפרייען אַ וועלט פון יסורים,
איך קום! איך בין דאָ! איך וועל זיין.

און מעגט איהר געהאָרכען, משונה'דיג גלויבען,
אַז אַלעס איז געטליך, און אַלעס איז אייביג.
און מעגען די פאַפען אויך ווי נאָך פאַרבלענדען.
און מעגען די הערשער אייך רויבען און שענדען,
זיי קענען דאָס ווידערשטאַנדס־רעכט ניט בערויבען,
דאָס רעכט וואָס מען נעהמט זיך דורך נויט און דורך פיין —
צו טראָץ פון געהאָרכען, צום טראָצען פון גלויבען,
איך קום! איך בין דאָ! איך וועל זיין!

און מעג איך פאַר פיעלע נאָך בלייבען פערבאָרגען,
און מעגען ניט זעהן זיי דעם קומענדען מאָרגען,
און מעגען זיי מיינען אַז אייביג איז נאַכט,
און וועלען פערשלאָפען מיין ווירקענדע מאַכט.
זיי זאָג איך: איך קום אויך צום טראָץ פון דעם שלאָף,
און פיהר די פערשקלאַפטע אין פריי־לאַנד אריין.
איך מאַך צו די פינסטערע קנעכטשאַפט אַ סוף,
איך קום! איך בין דאָ! אין וועל זיין!

איך בין שוין געווען אין די גראָה־אַלטע צייטען,
אין נאַטירליכע קעמפּפע און אין מענשליכע שטרייטען.
איהר האָט מיך געזעהן, און איהר האָט מיך געהערט,
ווען ס׳האָט זיך דער מענש געגען חיה געוועהרט.
איך האָב זיי גע׳משפּט, האָב לענדער געריכטעט.
און האָב זיי בעשטימט זייער קינפטיגעם זיין.
און פעלקער פאַר׳משפּט׳ע האָב איך פערניכטעט.
איך קום! איך בין דאָ! איך וועל זיין!

איך בין ווי די זון אַזוי אַלט פון געבורט.
די אייביגקייט האָט מיך געוויקעלט — געגורט.
איך בין, ווי דער טויט איז, דער סוף פון דעם לעבען.
אום לעבען פון ס׳נייע צו ברייננגען און געבען.
דאָס אַלטע צוברעך איך, אום נייעס צו שאַפען.
די אלט־אַבגעלעבטע פערשווינדט דאַן פון זיין.
איצט ברייננג איך די פרייהייט און גיב זיי די שקלאַפען.
איך קום! איך בין דאָ! איך וועל זיין!

איהר זעהט און דערקענט מיך אין פריהלינג׳ס בעגינען.
ווען אַלץ הויבט אַן בליהען, ווען אַלץ הויבט אַן גרינען.
איהר זעהט מיך אין הערבסט, אויך ווען אלעס פערשטאַרבט,
מיט געלקייט פון טויט ווען ס׳איז אלעס געפאַרבט.
איהר זעהט ביים געבורט מיך, איהר זעהט מיך ביים
שטאַרבען,
אין שטענדיגער וועקסלונג — פון אייביגען זיין.
איך בייט די קאָלירען, איך בייט בלויז די פאַרבען.
איך קום! איך בין דאָ! איך וועל זיין!

איצט קום איך מיט שטורעם, איצט קום איך מיט בייזען.
אַ וועלט אַ געקנעכטעטע קום איך ערלויזען.
איך קום מיט׳ן צאָרן פון קנעכט אַלם כלי־זין
אַ אייביג געבונדענע מענשהייט בעפרייען.
איך קום ווי דער דונער אין ברויזענדען שטורעם,
איך קום ווי דער בליץ אין זיין בלענדענדען שיין,
איך קום צו בעפרייען אַ וועלט פון יסורים.
איך קום! איך בין דאָ! איך וועל זיין!

אין סטרייק

וואָס רוישען ניט מעהר די מאַשינען?
וואו איז דער אפּריימער אַוועק?
דער שקלאַף וויל דעם באָס מעהר נישט דיענען,
ניט פראַצעווען מעהר פון באַגינען.
ער שטעפּט ניט, ער נעהט מעהר קיין רעק.

וואָס ארבייט ניט איצטער דער „בייסטער“,
וואָס קומט ער ניט מעהר אין פאבריק?
רב משה, רב חיים, ווי הייסט ער,
נו פרעגט איהם, זייט מוחל, צו ווייסט ער,
פון לעבען, פון רוהע, פון גליק.

וואָס קומט ניט דער פרעסער זיך ווייזען
אין גיהנום, אין שאפּ וואו ער שאפט?
דער מאַן אין זיין קאַמפּף מיט'ן אייזען
קען שטוינענדע וואונדער בעווייזען,
דער מאַן וואָס איז איצטער פערשקלאפט.

און פוסט ווערט דער שאפּ איצט, און פוסטער,
דער ארביימער ציהט זיך צוריק,
דער ארביימער ווערט איצט בעוואוסטער,
און איז אַלס אַ קעמפּפער אַ מוסטער,
ער קעמפּפט פאר זיין אייגענעם גליק.

הונגער

און דאַרען זאָל מיין האַנד, אויב איך וועל בעטען
ביי אייך אַ ביסען ברויט, וואָס קען מיך זעטען.
און זאָל דאָס וואָרט אין האַלז ביי מיר פערשטומען,
און קלעפּען זאָל די צונג מיר צו מיין גומען,
און נאָגען זאָל מיר טיעף אין די געדערים,
און גריזשען דאָרט ווי הונגעריגע ווערים.
איך וועל די ליפּען מיינע פעסט פארשטשעמען
און וועל ביי אייך קיין בעטעל־ברויט ניט נעהמען.

דאַן פרעגט מיין קינד מיך מילד און ווייך,
מיין איינציג קינד: ביזט טרוי'ריג, בלייך?
און פליסטערט לאַנגזאם, פליסטערט שטיל:
מיין גוטער פּאַ, איך בעט ניט פיעל.
אַ ביסען ברויט נאָר, אויב דו האָסט.
(דאָס בעטען האָט איהר מיה געקאָסט).
אין אויג ביי מיר קומט אויף אַ טרער,
דאָס זעהט מיין קינד, און בעט ניט מעהר.

דער געפאַנגענער פאַנגער

גאַנץ ווייט אין די וואַסערען רודערט דער שיפער
און זינגט זיך זיין פישער־געזאַנג;
ער וואַרפט ׳הין די נעצען אַלץ טיעפער און טיעפער.
אַ, היינט וועט ער מאַכען זיין גרעסטען געפאַנג!

ער שניידט מיט די רודערס און קוקט ווי אין אַ שפיגעל,
ער זעהט דאָרט זיין אייגען געשטאַלט;
ער זעהט זיך, אַלס פויגעל, מיט צוויי גרויסע פליגעל,
וואָס שניידט דורך דעם ים מיט געוואַלט.

עס חושך׳ט ארום און עס טונקעלט.
דער ים איז ׳זוי מוטנע ווי לויג,
און דאָרטען אין הימעל זעהט ער ווי עס פונקעלט
דער מאָנד ווי אַ בלוטיגעס אויג.

ער קוקט אויפ׳ן הימעל, דערקענט מיט אַ ציטער:
אַ שטורעם — אַ שטורעם קומט באַלד;
ער זעהט, ווי עס קומט אָן אַ בייזער געוויטער
מיט ברויז און מיט דונער־געוואַלט.

ער זעהט, ווי דער הימעל פערציהט זיך מיט שווארצען,
אַזוי ווי בעגאָסען מיט טינט;
און אונרוהיג ווערט דאָס דעם פישער אין הארצען:
ער׳ט זייז איצט אַ שפילכעל פון ווינט.

און פינסטערער ווערט איצט די רויטע לבנה,
ווי שווארצעס פערגליווערטעס בלוט;
דאָס איז זי איהם מתרה: ער איז אין סכנה!
ער פיהלט און ער וויים דאָס שוין גוט.

איהם האָט אַ מכשף אַנוסטען געוואָרענט;
ער האָט איהם געוואָרענט שוין לאַנג, —
דער ים ווערט דערבייזערט, דער ים ווערט דערצאָרענט,
ווי גיך נאָר ער קומט נאָך זיין פאַנג.

דער ים וועט ניט דולדען, דער ים וועט ניט שווייגען
און וועט איהם בעצאָהלען זיין שטראָף;
ער זעהט פון די גרונטען, ווי ס'שטייגען און שטייגען
שרעקענס-געשטאַלטען, ווי גאָר אָהן אַ סוף.

אַט שטייגען פון ים אוים פיעל שרעקליכע ריעזען
מיט גראָע צושויבערטע צעפ;
און דאָ האָט דער ים איהם פון אַבגרונט געוויזען
פיעל שלאַנגען מיט הינטישע קעפ.

אַט שפּרינגען אויף פישען מיט זילבערנע פאַנצערס,
מיט אויגען, פערגאָסען מיט בלוט;
זיי רופען צום דין איהם, די ברענענדע גלאנצערס,
צו זאָגען דעם ים, וואָס ער טהוט.

ער שניידט מיט די רודערס און הויבט אָן צו איילען,
אזוי ווי אַ פויגעל געיאָגט אין געיעג,
וואָס פיהלט ווי דער יעגער שיסט נאָך זיינע פיילען.
און ווייט — אַך, ווי ווייט איז דער ברעג.

און פלוצלונג עס שטייגט אויף פון אָבגרונד אַ טורעם —
אַ שרעקליכער גרויסער געמאַך;
עס טרייבט איהם מיט אימפּעט דער וואָיענדער שטורעם
און וואַרפט זיך אויף איהם מיט אַ קראַך.

ער הערט איצט פון אָבגרונט ניט דייטליכע קלאַנגען.
אין קאָפּ עפּעס מישט איהם און זשומט;
ער הערט דאכט זיך ווערטער: געפאַנגען, געפאַנגען.
דאָס צאָהלט איהם דער ים וואָס איהם קומט.

און דאָך האָט דער ים ווי געקראָגען רחמנות
און ברענגט איהם נאָך איין מאָל ארויף;
ער זעהט דאָרט זיין שיפעל אַליין אין סכנות —
ער איז איהר נשמה — און זי איז זיין גוף.

ער וואַרפט צו זיין שיפעל פערצווייפעלטע בליקען,
אַזוי ווי אַ פאָטער זיין טרינקענד זיך קינד;
נאָך איין מאָל צום האַרצען וואָלט ער זי איצט דריקען;
עס רייסט זיי פאַנאַנדער דער ווינט.

און ווידער אַ מורא'דיג, פעך־שווארצער טורעם.
ער זעהט, ווי ער יאָגט זיך אויף איהם,
באַלד־באַלד, און אַ סוף צו זיין שרעק און יסורים,
און איצט הערט ער דייטליך אַ שטים.

ער הערט איצט פערטויבענדע זיעגעס־געזאַנגען,
איצט הערט ער שוין דייטליך און קלאָר;
דער ים האָט אַצינדער דעם פאַנגער געפאַנגען;
איצט זינגען דער ווינט און דער ים אין אַ כאָר.

דאָס פאַרשנעעטע דאָרף

בוימער איינגעהילט אין קיטלען,
קוימענס טראָגען ווייסע היטלען.
ס'האָט דער האָהן אין הויף געקרעט,
און דער הימעל שנעעט און שנעעט.

מיט אַן איינגעבויגען קערקעל
קריכט אַ מאַן דאָרט אויפ'ן בערגעל,
שליעסט די תפילה גיכער אויף,
קלינגט אין גלאָק דעם קירכען־רוף.

שוין די בהמות אויסגעמאָלקען.
האָט די פאַרבען־רייכע מייד,
אויבען היינגען זילבער־וואָלקען,
ס'טראָגט די ערד איהר ווייסע קלייד.

עופות גראַזוגערען אין פילדער,
בילט דער הונט דאָרט ווי אַ ווילדער,
שרייט פון שטאַל אַרויס דאָס פערד,
טיעף פאַרשנעעט איז היינט די ערד.

*   *
*

איצטער שלאָפט ער
אָפטער, אָפטער;
רק עס ציהט איהם נאָר צום שלאָף.
צום באַשעפער,
ציהט דעם שלעפער,
קומט שוין אפשר אָן דער סוף?

ווען די טויטע פעלקער ערוואַכען

I

(פּראָלאָג)

אַלטע פעלקער טרוימען, שלאָפען
אין דעם שויס פון אייביגקייט ;
זיך פערטרויט אין שטומען האָפען
צו דער אייביג יונגער צייט.
ווען דער וועק־רוף וועט ערשאַלען,
שטייגען זיי פון גרוב אַרויס,
און אין בוקען, קניען, פאַלען,
מורמלען זיי אַ שבח אַרויס
צו דעם בורא פון די וועלטען,
צו דעם בורא, זייער האַרר.
לאַנג געוואַרט, ער וועט פערגעלטען,
גרויס און פּרעכטיג איז דער שכר ;
דאָס האָט ער אַליין פערשפּראָכען,
האָט געזאָגט זיי : גלויב און האָף,
און פערטרויט זיך מיט בטחון
אין דעם לאַנגען, לאנגען שלאָף.

II

נאַכט איז אין מדבר.
עס הענגען די הימלען,
ווי טיעף בלויע חופּות
מיט זילבערנע שטערען בעזייט.

עס שוועבען חלומות
פון טויטע נשמות
אין שטילען, אין קיהלען,
אין ליכטיגען אויר.
דאָרט זענען די גייסטער פערשפרייט.

עס שפּאַלטען זיך אַלטע פערגעסענע קברים
אין מזרח, אין מערב, אין צפון, אין דרום,
און ס'שטייגען אויף גייסטער פון אָפענעם זאַמד,
און מאַנכע ערשיינען אין גאָלדענע קרוינען
און פרעגען פערוואונדערט, מיט שרעק און מיט שטוינען:
וואָס איז מיט מיין פאָלק איצט און וואו איז מיין לאַנד?

III

פרעה ברעכט די טויטע הענט.
ער האָט אין גראָען ליכט דערקענט
מיט שטויב בעדעקט זיין מאָנומענט.
זוכט זיין טעמפּעל, זוכט זיין גאָט:
„איזיס, זאָג, וואו ביזטו איצט?
ווי 'סטו ניט דיין הויז בעשיצט?

וואו איז ער, מיין אַלטער שקלאַוו,
יענער איד פון מיין פּראָווינץ?
האָט געדיענט מיר טריי און בראַוו.
כ'האָב זיין זוהן געמאַכט צום פּרינץ.
קום דערצעהל דיין אַלטען הערר,
וואָס'ט געמאַכט פון דיר די צייט?
לעבסטו נאָך? דו ביזט ניט מעהר?
דורכגעשפּרייזט די אייביגקייט?

IV

צור און צידון שטעהען אויף,
זיי האָבען אויך געהערט דעם רוף,
און זעה נאָר, זעה און הער!
נינוה שטייגט אַרויס פון מעער.
זי האָט געטרוימט אַ לאנגען טרוים
אין דער טיפענים פון תהום.
זי האָט געטרוימט אַ לאַנגע נאַכט,
איצט שטייגט זי אויף אין אַלטער פראַכט.

V

אשור האָט ערוואַכט פון שלאָף.
און סנחריב ווילד און שטום,
קוקט פערוואונדערט זיך אַרום,
אויב פאַראיבער איז זיין שטראָף?
זעהט ער קעניגע אָהן טראָנען.
איז׳ם דער סוף? איז דאָס דער סוף?
קומט די צייט נאָך אַלץ צו מאָהנען
יענעם אלטען נביא׳ם שטראָף?

VI

בבל קומט אין טרויער־קלייד,
פיהלט נאָך אַלץ איהר אַלטען לייד.
זוכט בחינם אום איהר פראַכט
אין דער דונקעלהייט פון נאַכט,
זוכט איהר קבר, זוכט איהר לאַנד.
אַלץ באַדעקט מיט שטויב און זאַמד.

VII

מלכות יון טרעט צוריק,
האָט פארשטעלט זיך מיט דער האַנד,
וואַרפט אַ שטומען ווייטען בליק
אויף איהר וויסטעס שעהנעס לאַנד.
קוקט מיט שטוינען, קוקט מיט שרעק,
וואו איז אלעס — אַלץ אַוועק.
ניט די טעמפּלען, ניט די בעטער —
גרוים און גרעסער איז איהר בראָך!
און וואו זיינען אַלע געטער?
זאָג, יופּיטער, לעבסטו נאָך?

VIII

געפּאַנצערטע סקעלעטען,
זיי זיינען איצטער אויפגעטרעטען;
דאָס אלטע רוים אין העלדען-גלאַנץ.
זי טראָגט נאָך אַלץ איהר זיעגער-קראַנץ,
און טיטום פרעגט אויף זיין אַרמיי:
וואָס האָט די צייט געמאַכט פון זיי?
ער זעהט דעם אַרק און בלייבט פערטראַכט:
דאָס האָט זיין פאָלק פאַר איהם געמאַכט.
ער האָט געפאַנגענע געבראַכט
יהודה׳ס טעכטער — זיהן פון שלאַכט.
נאָך אויסגעקריצט איז אויף די ווענט
זיין גרויסער זיעג צום מאָנומענט.
ער זוכט נאָך אַלץ און טראַכט —
און שטיל אָהן ענטפער בלייבט די נאַכט.

IX

זוירבעל־ווינטען רייסען דורך די וויסטע,
בליצען צינדען אָן די הימלען,
און עס שאלען דונערען נאָך דונערען,
און עס ברענט — דער הימעל ברענט,
און די אַלטע טויטע אומות
מיט פערצווייפעלטע יללות
ברעכען אוים אין יאָמער־שטימען.
איצט, ביים לעצטען יום־המשפט,
האָבע זיי אין בליץ דערקענט איהם,
יענעם אייביגען מארטירער,
זייער קרבן פון אכזריות,
דעם געיאָגטען דורך מדבריות.
צום לעצטען משפט רופט ער זיי.

ישראל ערשיינט אין דעם בליץ־ווייסען ליכט,
די פעלקער דערקענען דאָסליידען־געזיכט,
ער טראָגט נאָך, ווי אימער, מאַרטירערטומס קרוין,
יסורים געוועזען זיינען תמיד זיין לוין.
און זעהט נאָר דאָס וואונדער: ער לעבט דורך די פיין!
אַ רעטזעל געוועזען, ער איז, און וועט זיין.
ער לעבט דורך רדיפות, יסורים און שפאָט,
און טראָגט אין זיין הארצען זיין לאנד און זיין גאָט.
און האָט איהר פערוויסטעט זיין היים און זיין לאַנד,
זיין קרוין און זיין טעמפעל פערוואַנדעלט אין בראנד,
איצט זעהט איהר די פלאַם־שריפט אין בליץ־ווייסען שיין:
געוועזען! געוועזען! איז דאָ! און וועט זיין!

איך בין דער זוהן פון אַלטען פאָלק

איך בין דער זוהן פון אַלטען פאָלק,
און טהייל מיט איהם זיין גורל מיט,
פון אַלטען פאָלק, פון וואַנדער פאָלק,
וואָס ווערט פערפאָלגט אויף יעדען טריט.

און טיעף געבוקט פון שווערער לאַסט,
פון שווערער לאַסט, פון לאַנגער צייט,
איך ציה דאָרט וואו די זון געהט אויף,
מיין זונען־אויפגאַנג איז נאָך ווייט.

איך וואַנדער אין מיין גלות אום,
איך געה פאַר׳חלום׳ט און פערטראַכט,
אין הימעל זוך איך, וואו אַ ליכט,
און חושך פינסטער איז די נאַכט.

שוין אויסגעוועזען איבעראַל,
און וואו אַ נאַכט, און וואו אַ טאָג.
נאָר קורצע זענען מיינע טעג,
און פול מיט וועה, און פול מיט פּלאָג.

און ווען איך זיפץ, און ווען איך קרעכץ,
און ווען איך לאַך, און ווען איך וויין,
בין איך דער שטעמפּעל פון מיין פאָלק,
איך בין דער איד, דער איד אַליין,

איך בין דער זוהן פון אידיש פאָלק,
און בין, ווי ער איז, נע־ונד.
און פרעמד פון פרייד, און ווייט פון רוה,
און מיט יסורים איבערזאַט.

און ווי זיינע — מיינע טרוימען,
זיי ליעגען נאָך אין מיטען וועג,
אָך, ניט דערלעבט און ניט פערענדיגט,
ניט דערפיהרט זיי צו אַ ברעג.

אַזוי ווי משה אין דעם מדבר
דערלעבט ניט זעהן זיין ליעבעם לאַנד,
געפינט זיין קבר אין דער וויסטע,
אין יענעם הייסען וויסטען זאַמד.

איך האָב אַמאָל אַ היים געהאַט,
אַ לאַנגע, לאַנגע צייט צוריק.
און דאָרטען האָט מיין זונן געשיינט
און זיך געשפּיעגעלט אין מיין גליק.

און דאָרט, אין יענעם זונען־לאַנד,
דאָרט איז געווען מיין רוהיג היים,
און אומגעפּאסט איז זי געווען
מיט קלאָרען, בלויען הימעלם זוים.

שוין לאַנג פערגאַנגען יענער חלום,
פאַרוועלקט איז אַלץ און אָפּגעבליהט,

דער טרוים אַליין שוין אויך פערגעסען,
און, אך, מיין היים — איך קען זי ניט.

איך בין דער זוהן פון אידען־פאָלק,
איך בליק זיין צוקונפט אין געזיכט.
איך זוך און פרעג אין גלות־נאַכט,
איך זוך אַרום דאָס מאָרגען־ליכט.

און ווען דאָס קלאָרע מאָרגען־ליכט
געהט אויף פאר אלע ברייט און ווייט,
אָ, דאַן בין איך, און אויך מיין פאָלק —
מיר זענען אלע דאַן בעפרייט.

זייט געזונט

זיי געזונט מיר, מיין געליעבטע,
דיך פערלאָזט דיין יוגענד פריינד,
אָפּגעריסען די פערקניפּטע,
אָפּגעריסען מיין נשמה היינט.

העי, דו, קוטשער, האַלט די פערד איין,
בלייב נאָך שטעהן דאָ אויפ׳ן אָרט.
איצטער וויל איך ניט געשטערט זיין,
כ׳וויל איצט זאָגען נאָך אַ וואָרט.

בלייבסט נאָך מיר, דו חלום מיינער.
איך פאָהר אָפּ אין וויטען לאַנד,
דיך פערלאָזט דער טרוימער דיינער,
רוהען וואו אין שטילען זאַמד.

העי, דו קוטשער, האַלט די פערד איין,
בלייב נאָך שטעהן דאָ אויפ׳ן אָרט.
איצטער וויל איך ניט געשטערט זיין,
כ׳וויל נאָך זאָגען נאָך אַ וואָרט.

זייט געזונט מיר, איהר חברים,
נאָהנט געוועזען מיר פון ווייט.
איצטער פאַלט אַראָפּ דער חרם,
שוין געקומען איז די צייט.

העי, דו קוטשער, האַלט די פערד איין,
בלייב נאָך שטעהן דאָ אויפ׳ן אָרט.
איצטער וויל איך ניט געשטערט זיין,
כ׳וויל איצט זאָגען נאָך אַ וואָרט.

זייט געזונד מיר, שוועסטער, ברידער,
שוין געענדיגט איז מיין פיין,
לעזט מיין וועה נאָך אין די ליעדער.
נו, גענוג — גענוג זאָל זיין.

העי, דו קוטשער, האַלט די פערד איין,
בלייב נאָך שטעהן דאָ אויפ׳ן אָרט.
איצטער מעג איך שוין געשטערט זיין,
שוין געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט.